# זכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בשלח תשפ"ה שנה י | גליון מס' 568

בני אמונים מתחזקים בענייני אמן

לע"נ הה"ח ר' חיים בן ציון מתהו"ר אהרן צבי מרמורשטיין ז"ל נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

**פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה**

### ווען א איד שפירט אז ער האט מער נישט קיין תקוה - קומט די ישועה פון הימל

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל משֶׁה מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ" (יד טו)

זאגט דער **'שפת אמת':**

ווען א איד קומט אן צו די הכרה אז ער האט שוין נישט קיין שום וועג פאר זיך ארויסצוגיין פון זיין קלעם און ער הענגט זיך גענצליך אן אין דער בורא כל העולמים ווערט ער גלייך געהאלפן. געווי דאס איז געווען די סיטואציע פון כלל ישראל שטיינדיג אויפ'ן ים ברעג. פון איין זייט זענען זיי געווען ארומגענומען פון די מיליטערלייט פון פרעה און פון צווייטן זייט איז דא דער ים - זיי האבן נישט וואו צו אנטלויפן - זיי זענען הילפלאז - ווען מען קומט אן אין אזא צייט מוז מען לייגט דער גאנצער האפענונג אויפ'ן בורא כל העולם און דאן קומט די ישועה.

דאס האט הקב"ה געזאגט פאר משה רבינו: "מַה - תִּצְעַק אֵלָי"; אויב כלל ישראל איז שוין אנגעקומען צו אזא מצב אז זיי האבן זיך שוין נישט אויפוועמען צו פארלאזן נאר אויף מיר איז שוין די ישועה דא און רעד צו זיי און זאג זיי: "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ".

'ויען יוסף' [לר"י מנדלקורן] עמ' ק"א

### דער שליסל צו קבלת התפילות - הכנעה

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל משֶׁה מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ" (יד טו)

האט **רבי אריה צבי פרומר מקוז'גלוב** בעל ה'ארץ צבי' געזאגט:

אין דער פסוק איז דא א רמז צו וואס חז"ל זאגן (סוטה ה א) אז די שליסל אז די תפילה זאל נתקבל ווערן ליגט אין די הכנעה פון דער מענטש. אויב דער מענטש איז זיך מכניע ווערן זיינע תפילות נתקבל.

דאס איז מרומז דא אין פסוק - עס שטייט "מַה תִּצְעַק" - אויב דיין תפילה וועט זיין אין די בחינה פון 'מה' דהיינו מיט ענוה בבחינת 'מה' וועט זיין 'אלי' וועט די תפילה אנקומען צו מיר.

'ארץ צבי' על התורה

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### דער געוואלדיגער גילוי פון דער רבינו בחיי איבער די גרויסקייט פון אן אמן

אין דער שבת האבן מיר א ספעציעלע זכיה, אין די שבת זענען מיר זוכה צו באקומען א שטיקעלע באגריף איבער די גרויסקייט און די הייליגקייט פון דער 'אמן'.

מיט וואס איז דער שבת אזוי ספעציעל? אין דער שבת געט זיך דער רבינו בחיי - איינער פון די גדולי המפרשים - אפ מיט די נושא פון אמן.

אין זיין פירוש איז ער מאריך און שמועסט אויס באריכות די מעלה און די קדושה וואס אן אמן ברענגט מיט זיך.

אין זיין הייליגער און לעכטיגער פירוש אויף דער פסוק (שמות יד לא): "וייראו העם את ה' ויאמינו בה' ובמשה עבדו" לאזט ער זיך אריין אין אן אריכות אויסצושמועסן די מעלה פון אמן. כדרכו צונעמט ער א זאך סיי בדרך דרוש און סיי בדרך אגדה און סיי בתורת הסוד דא טוט ער די זעלבע זאך און זאגט עס סיי אויף א פאזיטיווער וועג, איבער ווער עס איז זוכה און היט זיך מיט'ן אמן, און סיי פארקערט, איבער ווער עס איז חלילה מזלזל אין דעם אמן איבער די גרויסער פארלוסט וואס מען האט אויף איר.

בדרך אגדה געט ער א געוואלדיגער משל ארויסצוגעבן די גרויסקייט פון דער 'אמן' און ווי אזוי מיר זענען עס נישט אייביג מרגיש, דער צושטעל וואס ער נוצט איז די שטערנס אין הימל.

"ווען איינער זאל ארויסגיין ביינאכט - ווען עס איז שטאקיג פינסטער אינדרויסן און באטראכטן די הימלען - וועט ער באמערקן צענדליגע טויזנטער קליינע שטערנדלעך. אסאך פון זיי זעט מען קלאר. אנדערע פון זיי זעט מען מיט פארנעפעלט, אבער טראץ וואס מען זעט עס נישט - ווייסט יעדער איינער און עס גלייבט יעדער איינער אז זיי זענען דא.

"די זעלבע איז די אמן". פירט אויס דער רבינו בחיי.

"עס זעט אויס קליין און צומאל באמערקט מען עס אפילו נישט אבער אויבן אין הימל איז זי זייער חשוב און אלע עולמות זענען אנגעהאנגען אין איר און ווי חז"ל זענען מעיד [דברים רבה ז. ד.]:"אין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונים".

איך האב אינזינען געהאט אז מען זעט דאך אז פון אלע אנדערע פסוקים האט דער רבינו בחיי אויסגעשטעלט צו שילדערן די מעלה פון דער 'אמן' אויף דער פסוק פון "ויאמינו בה' ובמשה עבדו".

דאס איז א רמז אז ווער עס איז ענטפערט אמן איז מחזק ביי זיך די אמונה אין הקב"ה און סיי אין משה רבינו, ווייל די חכמים זענען די וואס האבן מתקן געווען ווי אזוי מען זאל זאגן דער 'אמן' און איר חשיבות.

מען קען צולייגן נאך א נקודה למחשבה, די פסוקים אויף וואס ער איז סומך די חשיבות פון דער 'אמן' איז פסוקים וואס מען זאגט יעדן טאג און דאס דינט פאר אונז אלץ א דערמאנונג אז יעדן טאג זאל מען זאגן דער 'אמן' און זיך שטארקן אין איר.

מיר וועלן זיך איינהערן צו די ווערטער פון אונזערע חכמים און מיר וועלן אויפשטיין יעדן טאג צו זאגן 'אמן' און אריינכאפן ווי מער און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין מרבה צו זיין כבוד שמים און מפרסם צו זיין די אמונה פון הקב"ה איבער די וועלט.

**מיט א קריאה פון "ויאמינו בה' ובמשה עבדו"!**

**שבת שלום,**

יעקב צבי מארמארשטיין

## א וועכענטליכע מעשה איבער אמן און תפילה

# — ישועת ה' כהרף עין —

אן אנגעצויגענקייט האט יענער ווינטער מיט 350 יאר צוריק געהערשט אין ירושלים עיה"ק. מען האלט שוין טיף אין ווינטער אבער קיין טראפ רעגן באווייזט זיך נישט אויף די הימלען, די טרוקעניש אין ירושלים עיה"ק איז שרעקעדיג.

מעומק הלב האבן די אידן געדאווענט און געבעטן רחמים וחסדים ביים הייליגן ציון הק'. די אטמאספער שפירט זיך אין די לופטן, די שרעק, די אנגסט און די געוויין פאר רחמנות, עס געפינען זיך דארט די חשובע יקירי ירושלים, אינאיינעם בעט מען ווען פלוצלונג געשעט א נס, די בלויע הימלען ווערן פול מיט געדעכטע וואלקענעס און א רעגן הייבט אן אראפצוגיין אין ירושלים עיה"ק.


די מערה פון שמעון הצדיק אין ירושלים עיה"ק

בימים ההם האבן די טערקן שולט געווען אין ארץ ישראל. דער סדר איז געווען אז די טרינק וואסער האט מען געהאט פון גרויסע גרובער. איבעראל וואו מען גייט און וואו מען שטייט איז דא וואסער גרובער.

די גרובער פלעגן זיך אנפולן אין די ווינטער פון די שווערע רעגענס און דינען ווי קוועלער פון טרינק וואסער פאר די איינוואוינער פון ירושלים אבער היי יאר אז עס רעגנט נישט און די גרובער האלטן זיך ביים אויסליידיגן איז די אנגצויגענקייט אויף די העכסטע שטאפלען.

די רבנים פון די שטאט זענען מעורר די אידן אז זיי זאלן איינרייסן וועלטן אבער די שערי שמים זענען פארשפארט - די הימלען זענען טרוקן - עס גייט נישט ארויס פון איר קיין איין טראפ רעגן.

די רעגן קריזיס באדראאעט די אידן און להבדיל די גוים אייניג אבער דער פאשא פון די געגענט באשלוסט אז ער גייט עס אנלייגן אויף די אידן. אין יענע יארן איז דער רב פון די ירושלים געווען דער בארימטער צדיק רבי משה גאלאנטי.

דער פאשא לאזט אים רופן און זאגט אים קלאר, הער זיך איין, אלעמאל זאגט איר, אז איר זענט די עם הנבחר, אונזערע שעיכען קען נישט ברענגען קיין וואסער,איר זאגט אז איר קענט יא, לאמיר זען וואס איר קענט.

דער פאשא איז געווארן שטרענג און זיך געוואנדן צו רבי משה און זיך אנגערופן, הער זיך איין, איך געב אייך דריי טעג, אויב איר זענט מצליח צו ברענגען רעגן איז גוט, אויב נישט וועל איך פארשיקן אלע אידן פון די שטאט.

די ידיעה איבער די ביטערע גזירה פארשפרייט זיך זייער שנעל צווישן אלע אידן די סכנה איז זייער גרויס, די אידן האבן מורא וואס וועט דא זיין, זיי זענען שוין אריבער אסאך גירושים - זיי האבן נישט קיין כח פאר נאך גירוש.

אויפ'ן באפעל פון רבי משה גאלאנטי רופט מען אויס א פאסט טאג אויף דריי טעג אין גאנץ ישראל, אין לויף פון די דריי טעג וועלן קינד און קייט קומען אין שול און איינרייסן רחמי שמים מרובים פאר הקב"ה אז ער זאל זיך מרחם זיין אויף זיי און שיקן רעגן.

עמערס פון טרערן זענען די טעג פארגאסן געווארן פאר'ן בורא כל העולמים אבער די שערי שמים זענען נאך געווען פארשלאסן.

ויהי ביום השלישי, דער דריטער טאג איז אנגעקומען, די יאוש געפילו דערקענט זיך איבעראל, אבער מיטאמאל גייט ארויס א שמועה אין די שטאט, דער חשובער רב הייסט אז אלע אידן זאלן זיך איינזאמלען צו די קבר פון שמעון הצדיק.

דער רב הייסט אויך פאר אלע אידן אז מען זאל קומען געקליידעדט אין מאנטלען, אין ווינטערדיגע קליידער.

די זון באקט, עס איז נישט דא קיין זכר פון רעגן אבער אז דער רב הייסט פאלגט מען. שורות אידן אנגעקליידעדט מיט מאנטלען שלענגלען זיך צו די קבר פון שמעון הצדיק.

ביים טויער ווערן זיי עמפאנגען דורך די אראבישע וועכטער. דער שומר זעענדיג די אידן גייען מיט ווינטערדיגע קליידער הייבט אן אפלאכן די אידן, ער לאדענט איין די אידן אז זיי זאלן ארויסקומען צו די חצר און זען די הימל איז בלוי, אז קיין איין צייכן פון וואלקן דערקענט זיך נישט אויף איר.

די אידן האלטן זיך פעסט ביי די אמונה, זיי כאפן נישט קיין התפעלות פון דער אראבישער שומר, נאר מיט א הארץ פול מיט אמונה שטעלן זיי זיך דאווענען צום בורא כל העולמים.

מעומק הלב האבן די אידן געדאווענט און געבעטן רחמים וחסדים ביים הייליגן ציון הק'. די אטמאספער שפירט זיך אין די לופטן, די שרעק, די אנגסט און די געוויין פאר רחמנות, עס געפינען זיך דארט די חשובע יקירי ירושלים, אינאיינעם בעט מען ווען פלוצלונג געשעט א נס, די בלויע הימלען ווערן פול מיט געדעכטע וואלקענעס און א רעגן הייבט אן אראפצוגיין אין ירושלים עיה"ק.

ווי עס וואלט זיך געעפענט א קראן אין הימל עפענען זיך די הימלען און עמערס וואסער הייבט אן אראפצוגיין פון איר. די רעגן שווענקט די גאסן, מאכט נאס די בלעטלעך, פולט אן די גרובער.

אין לויף פון דריי טעג האט גערעגענט אן אויפהער. ירושלים האט נישט געדענקט אזא רעגן פאר לאנגע יארן.

נאר ווען די רעגן האט זיך געענדיגט האט דער רב פון שטאט געהערט א קלאפ אויפ'ן טיר -ביים שוועל איז געשטאנען נישט קיין צווייטער ווי דער וועכטער פון דער קבר שמעון הצדיק. מיט א הכנעה האט ער זיך פארנויגט דאס קאפ און געבעטן אז דער רב זאל אים מוחל זיין במחילה גמורה.

"רבי איך האב איינגעזען אז איר זענט דער אויסדערוועלטער פאלק און איך וויל זיך אנשליסן אין אייך". האט דער וועכטער אויסגעפירט.

נאר נאך דעם וואס דער רב האט געזען אז ער מיינט עס ערנסט האט ער אים אנגענומען און דער וועכטער האט זיך מגייר געווען ווערנדיג אן ערליכער איד אויף אייביג.

'עוד יוסף חי' פרשת בשלח

# אויסצויגן פון די ווערטער פון רבינו בחיי אין אונזער פרשה איבער די גרויסע מעלה פון אמן ביי זיין פירוש אויפ'ן פסוק (שְׁמוֹת יד לא): "וַיִּירְאוּ הָעָם אֶת ה' וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ"

## די משמעות פון דער ווארט "אמן"

און ווייל די אמונה איז דער יסוד פון די גאנצע תורה האבן חז"ל מתקן געווען אז ביי אלע תפילות און ביי אלע ברכות זאל מען ענטפערן 'אמן' ווייל דער ווארט 'אמן' איז געבינדן צו די לשון פון 'אמונה'. דער 'אמן' איז אויך מלשון הודאה פון מודה זיין, ווייל דער וואס זאגט דעם אמן איז עס ווי ער איז מקבל די ווערטער פון דער מברך און ער איז מודה אין איר[1]. דאס האבן די חכמים געזאגט (שבועות לו א): אז דער 'אמן' איז א 'קבלה[2] און עס איז א שבועה[3] און עס איז אויך א מקיים[4].

## דער 'אמן' איז א קיום העדות

חז"ל זענען אונז מגלה די גרויסקייט פון דער 'אמן (נזיר סו ב) אז: גדול העונה אמן יותר מן המברך. דער הסבר דערצו איז ווייל דער מברך איז מעיד אז הקב"ה האט משפיע געווען די ברכה, אז דער רבוש"ע איז דער מקור הברכה, אבער דער עונה אמן איז דער מקיים דעם שטר און דאס איז דער עיקר - ווייל ביי יעדע קיום השטר פעלט אויס צוויי עדים. דער ערשטער עד איז נישט גענוג, מיט איין עד ווערט נישט קיין קיום השטר, נאר ווען עס איז דא צוויי עדות ווערט די שטר מקויים און עס איז א פערטיגער זאך און די זעלבע איז מיט דער 'אמן', אז דער וואס ענטפערט דער 'אמן' - דער איז געגליכענט צו די צווייטע עדות[5] און ער דארף זיך מצטרף זיין מיט דער ערשטער עד וועלכע מאכט די ברכה - ווייל נאר צוזאמען מיט אים ווערט די עדות נתקיים און די עדות ווערט אן עדות[6].

## די חובת הזהירות ארויסצוזאגן קלאר דער אמן

און חז"ל האבן שוין מאריך געווען צו רעדן פון דער משפט ווי אזוי מען זאל דערמאנען די ווערטער און ווי אזוי מען זאגט ארויס און ווי חז"ל זאגן שוין אין ברכות (דף מז א): "אֵין עוֹנִין לֹא אָמֵן קְטוּפָה[7], וְלֹא אָמֵן חֲטוּפָה[8], וְלֹא אָמֵן יְתוֹמָה[9], אֶלָּא אָמֵן אֲרֻכָּה[10]. בֶּן עַזַּאי אוֹמֵר הָעוֹנֶה אָמֵן חֲטוּפָה יִתְחַטְּפוּ יָמָיו, קְטוּפָה יִתְקַטְּפוּ יָמָיו[11], יְתוֹמָה יִהְיוּ בָּנָיו יְתוֹמִים, אֲרֻכָּה מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו".

דער ענין פון א חֲטוּפָה איז אז ער איז חוטף דער אָלֶ"ף מיט די נקודות פון א שב"א פתח און דאס איז היפך די אמונה ווי אמנון האט געשריבן אין תנ"ך (שְׁמוּאֵל ב' יג, כ): "הַאֲמִינוֹן אָחִיךְ הָיָה עִמָּךְ" און רש"י אויפ'ן ארט זאגט אז דאס מיינט דשקרי"ר בְּלַעַ"ז[12]. פון דעם זעסטו אז דער וואס ענטפערט אן אמן חֲטוּפָה איז ער מהפך הקערה על פה און ער שלעפט אראפ צו די ערד די יסודות פון די חומת האמונה.

## צו דאפלען דער 'אמן'

... און ווער עס איז כופל דער אמן איז זוכה צו שני עולמות ווי מען זעט ביי דוד המלך ע"ה בסוף מזמור ע"ב (תְּהִלִּים עב יח-יט): "בָּרוּךְ ה' אֱלֹקִים אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל עֹשֵׂה נִפְלָאוֹת לְבַדּוֹ. וּבָרוּךְ שֵׁם כְּבוֹדוֹ לְעוֹלָם וְיִמָּלֵא כְבוֹדוֹ אֶת כֹּל הָאָרֶץ אָמֵן וְאָמֵן". די זעלבע זאך זעט מען אויך אין דער מזמור פט (פסוק נג): "בָּרוּךְ ה' לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן"[13]. און דער וואס פירט זיך אזוי איז מכבד הקב"ה באמת ווי דער פסוק אין (שְׁמוּאֵל א ב ל): "כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד".

1. די געדאנקען וואס דער רבינו בחיי ברענגט אראפ איבער די הסברים פון אמן טרעפט מען אויך אין 'טור' און אין 'שלחן ערוך'. אין סימן (קכד ו) וואו עס ווערט ארומגערעדט פון דער אמן זאגן זיי אז ווען מען ענטפערט 'אמן' דארף מען אינזינען האבן די כוונה: "אמת היא הברכה שבירך המברך" און אויך אז איך גלייב אין דעם. פון דעם זעט מען מיט א קלארקייט אז די משמעות פון אן אמן איז אמונה און א הסכמה און אז עס זאל באשטעטיגט ווערן דער דברי המברך.

2. דער געדאנק אז אמן איז א קבלה זעט מען אין די תוה"ק. ווען די תורה דערציילט ווי אזוי עס איז צוגאנגען די מעמד פון די ברכה וקללה אוי'פן הר גריזים ווערט ער דערמאנט דארט. די תורה הק' דערציילט אז אויף די בערג האט מען אויסגערעכענט אלע קללות וברכות און אז דאס פאלק האט נאכגעזאגט נאך איר אמן ווי עס איז דארט דער לשון הפסוק (דברים כז כו): "ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם ואמר כל העם אמן" (שבועות שם).

3. אז אמן איז א שבועה זעט מען פון די סוטה, די תורה זאגט ביי די פרשה פון סוטה אז מיט דער 'אמן' איז די פרוי מקבל אויף זיך די שבועה ווי עס איז דארט דער לשון הפסוק (במדבר ה כא-כב): "והשביע הכהן... ואמרה האשה אמן אמן" (שם).

4. אז אמן איז מלשון קיבול, אז מיט איר איז מען מקבל און מען דרוקט אויס מיט איר האפענונג אז די זאכן וועלן נתקיים ווערן זעט מען ביי ירמיהו הנביא (כח ו). דארטן דערציילט דער פסוק אז ירמיהו האט געזאגט "אמן כן יעשה ה'" און דארט באציט זיך דער פסוק אויף די בשורה פון חנניה בן עזור אז עס זאל זיך צוריקקערן די כלי המקדש און די גולי יהודה (שם).

דער רבינו בחיי ווייל ברענגען א ראיה פון די גמרא אז דער 'אמן' דרוקט אויס א פולשטענדיגע הסכמה מיט דער נאכוועמען מען ענטפערט 'אמן' אבער למעשה פון דעם אז דער 'אמן' איז מלשון 'אמונה' איז נישט דא קיין ראיה אז 'אמן' איז א פולשטענדיגע הסכמה - אבער פון די גמרא (שבת קיט ב): "מאי אמן? א-ל מלך נאמן" און רש"י איז מפרש אויפ'ן ארט (שם): "כך מעיד על בוראו שהוא א-ל מלך נאמן" האב איך א ראיה איבער די 'נאמנות' אין דער 'אמן'.

5. אין די גמרא ברכות (מה א) דרש'נען חכמים דער פסוק אין תהלים (לד ד): "גדלו לה' אתי ונרוממה שמו יחדו" אז עס גייט ארויף אויף על עניית אמן. דער ריטב"א אויפ'ן ארט איז מפרש אז דער וואס מאכט די ברכה רופט צו די שומעים "גדלו לה' אתי" מאכט גרויס דער באשעפער מיט דער עניית אמן און דאס איז ווי דער רבי זאגט דא אז עס איז אן עדות, אז איין עדות איז דער וואס מאכט די ברכה און אז די צווייטע עדות איז דער וואס ענטפערט און צוזאמען זענען זיי מגדלים את שם ה'. (וראה עוד במפרש על מסכת נזיר סו ב ד"ה אחד העונה). און זעה אויך די פריערדיגע הערה אז אויך רש"י איז מגדיר דער וואס ענטפערט 'אמן' אלץ אן עד.

6. ווייל דער וואס ענטפערט דער 'אמן' איז ווי דער צווייטער עדות וואס שטעלט זיך צו צום ערשטן איז דער 'עונה' אמן ווי דער מסיים פון די מצוה וואס דער ערשטער האט אנגעהויבן און ווייל חז"ל זאגן (סוטה יג ב) "כל העושה דבר ולא גמרו, ובא אחר וגמרו, מעלה עליו הכתוב, על [מי] שגמרו, כאילו עשאו [כולו]" קומט אויס אז דער וואס זאגט דער אמן איז דער גומר פון די מצוה און וועגן דעם איז זיין חלק אזוי גרויס און מיט דעם פארשטייט מען דער מאמר חז"ל: "גדול העונה אמן יותר מן המברך" ('סוכת דוד' פרשת מצורע אות לח, בביאור דברי רבנו. וראה תוספות הרא"ש ברכות נג ב).

7. ווייל ער שלינגט איין איינער פון די אותיות ווען ער ענטפערט אמן (רש"י שם ד"ה קטופה, ע"פ ב"ח או"ח קכד).

8. ווייל ער ליינט דער אל"ף ווי אן אל"ף מיט א חטף-פתח און נישט ווי עס קומט מיט א קמץ. אזא איינער זאגט "אֲמֵן" אנשטאט "אָמֵן". אזוי איז דער רבי מפרש שפעטער און אויך דער ר"י מלוניל זאגט אזוי (ברכות שם) און אויך רש"י געט עס ארויס מיט דעם מהלך. (שם ד"ה חטופה).

9. ווייל ער ענטפערט אמן - אן וואס ער זאל וויסן אויף וועלכע ער ענטפערט. (רש"י שם ד"ה יתומה).

10. לויט דער פסק אין שלחן ערוך (או"ח קכד ח) אז ער זאל נישט מאריך זיין מיט דער 'אמן' מער ווי ער דארף נאר כשיעור ווילאנג עס געדויערט צו זאגן די ווערטער "א-ל מלך נאמן" - ווייל מיט דעם ווערט פארלוירן די משמעות המילה.

11. צו זען און צו פארשטיין די חילוק צווישן "יתקטפו" און "יתחטפו" קוק נאך אין ספר 'ברכת ראש' (ברכות שם).

12. דער רבי איז מבאר אז די חכמים האבן שטארק מחמיר געווען בעונש פון דער וואס ענטפערט אן אמן בחטף-פתח אונטער די אל"ף ווייל מיט דעם טוישט זיך די משמעות פון די ווארט. עס ווערט פון 'אמונה' צו אומגלויבליך ווי מיר טרעפן ביי אבשלום אז ווען ער האט געוואלט מגנה זיין אמנון אין די אויערן פון זיין שוועסטער תמר ה האט ער אים געגעבן די כינוי פון "אֲמִינוֹן" -וואס באדייט אז מען קען אים נישט געבן קיין צוטרוי און זעה אים ספר 'תורת חיים' (ביאור על פירוש רבנו בחיי, לרבי חיים הכהן מטריפולי) מער וועגן דעם ענין.

13. די ירושלמי (מגילה ד י) זאגט אז אזוי ווי מיר ווייסן אז ווען איינער דאפלט דער ווארט מודים און זאגט "מודים מודים" פארשווייגט מען אים ווייל עס זעט אויס ווי ער דאנקט פאר צוויי געטער און די זעלבע זאך איז ביי דער 'אמן' אז ווען איינער דאפלט דער אמן זאגנדיג 'אמן אמן' מאכט מען אים שטיל. למעשה, להלכה, קריגן זיך די פסוקים אין דעם נושא. דער 'בית יוסף' (או"ח סא) האלט אז מען מעג דאפלען דער אמן אבער דער רמ"א (שם יב) קריגט און זאגט אז מען מעג נישט דאפלען דער אמן. דער לבוש שרייבט

# דער עונש פון ווער עס איז מזלזל אין אמן

דער רבינו בחיי ברענגט אראפ הארבע ווערטער איבער ווער עס איז מזלזל אין דעם אמן און מיר ברענגען עס דא אראפ מילה במילה: וְכֹל מִי שֶׁאֵינוֹ נִזְהָר בְּמִילַּת אָמֵן לְכַוֵּן בְּכָל כֹּחוֹ וְכַוָּנָתוֹ, הֲרֵי זֶה מְבַזֶּה אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, וְעָלָיו אָמַר הַכָּתוּב (שָׁם): "וּבֹזַי יֵקָלּוּ"[14]. וּמִשְׁבְעָה מְדוֹרִין שֶׁיֵּשׁ בַּגֵּיהִנֹּם מוֹרִידִים אוֹתוֹ לָאַחֲרוֹן שֶׁבְּכֻלָּם שֶׁהוּא כָּפוּל[15], וְהוּא נִקְרָא (אִיּוֹב י כב): "אֶרֶץ עֵפָתָה"[16], וְהוּא אֶרֶץ שְׁאוֹל תַּחְתִּית, כִּי "שְׁאוֹל" מָדוֹר אֶחָד וְ"תַחְתִּית" מָדוֹר שֵׁנִי, וְאוֹתוֹ תַּחְתִּית נִקְרָא "אֲבַדּוֹן" וְזֶהוּ (מִשְׁלֵי טו יא): "שְׁאוֹל וַאֲבַדּוֹן נֶגֶד ה'", מִי שֶׁיּוֹרֵד לָאֲבַדּוֹן שׁוּב אֵינוֹ עוֹלֶה[17]. וְעַל זֶה אָמַר הַכָּתוּב (יִרְמְיָה ב, יג): "אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם חַיִּים" - הַמְּבַזִּים לַעֲנוֹת אָמֵן עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם חַיִּים, הוּא הַנּוֹבֵעַ שֶׁנִּרְמָז לְמַעְלָה[18]. וּמָה יִהְיֶה עָנְשָׁם - "לַחְצֹב לָהֶם בֹּארוֹת בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים", כְּלוֹמַר: הֲרֵי הֵן יוֹרְדִים לַגֵּיהִנֹּם מַדְרֵגָה אַחַר מַדְרֵגָה[19] בְּעֹנֶשׁ כָּפוּל, וְזֶהוּ שֶׁכָּפַל: 'בֹּארוֹת בֹּארֹת', וְהַכֹּל מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה בֵּין בְּעֹנֶשׁ בֵּין בְּשָׂכָר[20].

(שם) אז אויך לדעת הרמ"א מעג מען דאפלען און ענטפערן איין אמן נאך די אנדערע, אויב ער איז מוסיף א וא"ו צו דער צווייטער 'אמן' און ער ענטפערט "אמן ואמן"ווי עס איז דער לשון הכתוב, אזוי פסק'נט אויך דער 'משנה ברורה' (שם כח).

אבער די שיטה פון דער רבינו בחיי איז אז עס איז נישט קיין חילוק צווישן "אמן אמן" ביז צו דער וואס ענטפערט "אמן ואמן". ער ברענגט א ראיה דערצו פון די פסוקים אין ספר תהילים אז מען מעג דאפלען אמן. ער שרייבט פונקט די פארקערטע אז אדרבה עס איז דא א הידור אין איר. דער 'מגן אברהם' (שם י) ברענגט אראפ די ווערטער פון דעם רבי'ן און פסק'נט ווי אים להלכה. אבער דער 'אליה רבה' (שם) שרייבט אז וואס דער רבי שרייבט "המכוון וכופל" זעט מען פון דעם אז מען האט נאר מתיר געווען פאר ווער עס זאגט אמן מיט כוונה אבער ווער עס האט נישט אינזינען קען נישט כופל זיין די אמן אויך לויט רבנו - ווי דער 'שלחן ערוך' פסקנט' (או"ח קד ז)אז ווער עס קען נישט מכוון זיין בתפילה כהלכה זאל נישט דאווענען קיין תפילת נדבה ווייל אויף אזא איינער זאגט דער פסוק (ישעי'ה א יא): "למה לי רב זבחיכם".

14. דער מקור צו זיינע ווערטער איז א זוה"ק אין פרשת וילך (רפה ב). אין ספר 'פרי עץ חיים' (שער כוונת אמן פ"ג) ברענגט ער אראפ אז די סופי תיבות פון דער פסוק אין תהלים ( פג יז): "מלא פניהם קלון" איז אמן און די ווארט וואס עפענט די זאץ איז "מלא". דער ווארט "מלא" איז אויך מלשון "אלם" דאס איז א רמז אז ווער עס פירט זיך ווי א שטומער דהיינט אז ער ענטפערט נישט קיין אמן ווערט נענש מיט א קלון.

15. וכפי ווי ער זאגט שפעטער אז עס איז דא צוויי מדורים, איינער הייסט "שאול" די צווייטע הייסט "תחתית" און "אבדון".

16. דער זוהר זאגט (שם) אז דער ווארט "ארץ עפתה" טייטש א דאפעלטער לאנד, ווי דער אונקלוס טייטשט (שמות כח טז): "רבוע יהיה כפול". זעה אויך אין 'פרי עץ חיים' אז "עפתה" איז מלשון "אפילה".

17. אין 'פרי עץ חיים' (משלי ה ו) זאגט ער אז דער אונטערשטער מדור אין גיהנם ווערט אנגערופן "אבדון" און עס איז כשמו כן הוא, ווייל דארט איז אבדן הנפש בסוד (ויקרא כג ל): 'והאבדתי את הנפש ההוא מקרב עמה'".

18. אין די פריערדיגע שטיקל איז דער רבי מבאר אז דער וואס ענטפערט אמן איז ממשיך ברכה אויף די וועלט, עס איז ווי ער עפענט א קוואל וואסער.

19. ביז ווען מען קומט אן צו די טיפסטע מדור אין גיהנם ווי דער רבי האט פריער געזאגט.

20. פירוש: די הנהגה פון הקב"ה איז "מדה כנגד מדה" און דאס גייט זיך ארויס מיט דער ענין הן ביי די שכר און הן ביי די וואס זענען מזלזל אין איר.

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

# רבי חיים פלאג'י

## י"ז בשבט תרכ"ח



די רבנישע קלייד וועלכער דער צדיק רבי חיים פלאג'י האט געטראגן אין טאג פון זיין הכתרה לרבנות

דער צדיק רבי חיים פלאג'י איז געבוירן געווארן אין יאר תקמ"ז צו זיין פאטער רבי יעקב אין די שטאט איזמיר אין טערקיי. אין זיינע יונגע יארן האט ער געלערנט תורה פון זיין גרויסן זיידן דער ראשון לציון רבי רפאל יוסף חזן און אויך מפי רבי יצחק גאטינייו דער בעל 'בית ישחק'. אין זיין ספר 'צוואה מחיים' (אות יב) איז ער מעיד אויף זיך איבער זיין התמדה און פאלגענד זענען זיינע ווערטער: "ומעיד אני עלי שמים וארץ, כי מיום דעתי עד יום היותי בן עשרים שנה הייתי שוקד על לימודי ביום ובלילה בלי שום ביטול".

אין תקפ"ח איז ער נתמנה געווארן צו דינען אלץ דיין ומורה הוראה אין די שטאט איזמיר, אין יאר תקצ"ז איז ער געווארן דער ראש בית דין פון די שטאט און פון די יאר תרט"ו האט ער געדינט אלץ דער הויפט רב פון איזמיר, אלץ דער 'חכם באשי' [=רב ראשי] ווי מען האט עס גערופן אין יענער געגענט.

ער האט זוכה געווען מחבר צו זיין אסאך ספרים בחייו. ער האט געשריבן אזויפיל ווי זיבן און זיבעציג ספרים. די ספרים זענען בכל המקצועות שבתורה. ער האט אנגעהויבן שרייבן ספרים אין די בלויזע עלטער פון זעכצן יאר און ער האט נישט אויפגעהערט צו שרייבן ספרים ביז צו זיין לעצטער טאג.

די לעצטע ספר ארויסצוגעבן איז געווען די ספר 'ברכת מועדיך לחיים' וועלכע ער האט געענדיגט שרייבן א טאג פאר זיין הסתלקות.

ער איז נפטר געווארן י"ז שבט אין יאר תרכ"ח, טויזנטער האבן אנטיילגענומען אין די מסע הלויה וכבוד גדול עשו לו במותו, מען האט אים געלייגט אויפ'ן אלטער בית החיים אין די שטאט איזמיר.

ביי די מסע הלויה האבן די בני הקהילה ארומגענומען די מיטה מיט זיינע ספרים לכבודו פון דער נפטר.

## די קינדער און די אייניקלעך ביי ברכת השחר

א שיינער מנהג האט ער געהאט, טאג טעגליך האט ער געלאזט רופן זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך און געזאגט פאר זיי ברכות השחר וועלענדיג אז זיי זאלן נאכזאגן נאך די ברכות "ברוך הוא וברוך שמו" און "אמן" ('צואה מחיים' הנהגות המחבר אות ד).

## דורך 'אמן' גייט מען ארויף צו הויעכע דרגה'ס בעולם העליון

חז"ל זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן". דער זוה"ק (וילך רפו א) לייגט צו דערויף אז דער וואס ענטפערט אמן איז נישט נאר זוכה אז מען עפענט אים אויף די שערי גן עדן נאר אז אויך אין גן עדן גייט ער ארויף העכער ממדריגה למדריגה און זיך צו מתעדן זיין בתענוגי עולם הבא.

מיט די ווערטער פון דער זוה"ק זאגט רבי חיים פלאג'י פארשטייט מען דער פסוק אין (ישעיה לג טז): "הוּא מְרוֹמִים יִשְׁכֹּן מְצָדוֹת סְלָעִים מִשְׂגַּבּוֹ לַחְמוֹ נִתָּן מֵימָיו נֶאֱמָנִים". די פסוק רעדט פון די גן עדן און אין די ווערטער "הוא מרומים ישכן" איז מרומז 'אמן' ווייל איר סופי תיבות איז "אמן" און פון דעם זעט מען אז ער גייט ארויף מעלה מעלה אויך אין גן עדן. ('תנופה חיים' ישעיה אות קיא).

## אמן צורייסט אלע שלעכטע גזירות

חז"ל זאגן אז אין זכות פון 'אמן' וועלן אלע פושעי ישראל וועלכע זענען שוין אנגעקומען אין גיהנם ניצול ווערן פון איר לעתיד לבוא און אויך זיי וועלן זוכה זיין צו גן עדן בשכר פון עניית אמן.

פאלגענד איז די ווערטער אין מדרש (זוטא פרק כ):

"...ואומר דוד [קדיש של] אגדה לפני הקדוש ברוך הוא, ועונים הצדיקים יהא שמו הגדול מבורך לעולם ולעולמי עולמים בגן עדן, ופושעי ישראל עונין אמן מתוך גיהינם. אומר להן הקדוש ברוך הוא למלאכים: 'מי הן הללו שעונין אמן מתוך גיהינם?'. אומרים לפניו: 'רבונו של עולם! הללו פושעי ישראל שאף על פי שהן בגיהינם בעקה [בצרה] גדולה מתחזקים ואומרים לפניך אמן'. אומר הקדוש ברוך הוא למלאכי השרת: 'פתחו להן גן עדן ויבאו ויזמרו לפני', שנאמר (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים' - אל תקרי אמונים אלא שאומר אמן".

אין זיין פירוש 'לוח ארז' אויף 'תנא דבי אליהו' (שם) ערקלערט ער פארוואס טאקע וועלן די רשעים ניצול ווערן פון גיהנם לעתיד לבוא אין זכות פון 'אמן' ווייל חכמים זאגן שוין (תיקו"ז מ א) אז ווער עס ענטפערט אמן בכל כוחו צורייסט מען פון אים אלע שלעכטע גזירות. וועגן דעם ווען עס קומט אונטער אן אמן ווערן צוריסן אלע שלעכטע גזירות און אלע גייען ארויס פון גיהנם.